בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

פרשת קרח תשפ"א ס"ג
מאמר ג'

יו"ל פר' קרח תשפ"ג



## נתנדב לזכר נשמת
## רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**
**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**


**"גחלי אש"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8



**© כל הזכויות שמורות**


**יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"**
**מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו**
**של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע**


kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין פסוק (יח, יב) 'אך פדֹה תפדה את בכור האדם', די מפרשים שטעלן זיך אויף די לשון הפסוק, ווייל די גאנצע פרשה פון די כ"ד מתנות הכהונה איז געזאגט געווארען צו אהרן הכהן, וויבאלד קרח איז געקומען און ער האט מערער געוועץ אויפ'ן כהונה, דערפאר האט מען איהם געגעבען די כ"ד מתנות כהונה מיט א ברית מלח עולם, אויב אזוי פארוואס האט דער פסוק געענדערט ביי די מצוה פון פדיון הבן מער פון אלע אנדערע מתנות כהונה, וואס ביי אלע מתנות כהונה שטייט אין פסוק אז זיי זענען געגעבען געווארען צו אהרן ובניו - **'לך נתתים'**, **'לך יהיה'**, און ווידער ביי פדיון הבן שטייט **'פדה תפדה'**, וואס פונדעם איז משמע אז די מצוה איז אויף אהרן אז ער דארף אויסלייזען דעם בכור אדם, אבער אין אמת'ן אריין ליגט דער מצוה אויפ'ן טאט'ן דעם אבי הבכור, און אויך אויפ'ן בכור אליינט ווען ער וועט אונטער וואקסען.

**דער** **שפתי צדיק** (אות סח) שרייבט ע"ד הפשט, אז ס'שטייט אין די גמרא (קידושין ח.) אז ביי א פדיון הבן דארף דער כהן נישט באקומען דווקא פינעף סלעים, נאר ער קען זאגען אויף א געוויסע חפץ לדידי שוה, און דערפאר האט דער תורה געשריבען 'פדה תפדה', וואס דער כוונה דערין איז אז דער כהן זאל צוהעלפען פאר'ן פדיון [און כעין וואס חז"ל דרשנ'ן (קידושין טז.) אויף דאס וואס ס'שטייט ביי אן אמה עבריה 'והפדה' (משפטים כא, ח) - שהאדון מסייע לה בפדיונה]. און געוויס איז דער כהן נישט מחויב דאס צו טוהן [אפשר פאר א ארימאן, וועט דער כהן האבען א מצוה דאס צו טוהן], אבער ער קען דאס טוהן.

**אבער** באמת ליגט דערין זייער א טיפע ענין - עומק מני עומק, ווייל אט ברענגט דער **בעל הטורים** (יח, טו) 'פָּדֹה' ב' במסורה, 'אך פדה תפדה את בכור האדם', 'אח לא פדה יפדה' (תהלים מט, ח). און מ'דארף פארשטיין וואס איז די שייכות צווישען די מצוה פון פדיון הבן צו דער פסוק וואס רעדט פון דער פטירה פון א מענטש ל"ע. און ס'וועט

ערקלערט ווערען בהקדם דאס וואס דער חידושי הרי"מ (חו"מ סי' פח סק"י) איז מבאר דעם דין פון 'לדידי שוה לי', ווייל אין אמת'ן אריין קען דער כהן נישט מוחל זיין אויף די פינעף סלעים - ווייל ס'איז א מצוה דאורייתא אז דער פדיון זאל זיין דווקא מיט פינעף סלעים, אויב אזוי, וויא קען דער כהן זאגען אז יענער חפץ וואס איז נישט ווערד מער וויא דריי, און ביי איהם איז דאס ווערט פינעף. נאר דער יסוד פונעם דין פון 'לדידי שוה לי' איז וויבאלד אז צוויי מענטשען קענען אפמאכען צווישען זיך א פרייז וויא אזוי עס זעהט זיי אויס אין זייערע אויגען, אן קיין שום קשר צו דער אמת'דיגע פרייז.

**און** דער הסבר אויף זיינע ווערטער איז, אז טראצדעם וואס מיר געפינען פארשידענע דינים אויף 'שוה פרוטה', קומט דאך אויס אז די ווערד איז א אמת'ע זאך, און אזוי איז אויך דא דינים ווען בית דין שאצט - 'שומת בית דין', און מ'דארף האבען ג' הדיוטות אדער מומחין, און אזוי אויך ביי די סוגיא פון שום היתומים. אבער דאס אלעם איז נאר לויט די עולם הזה'דיגע בליק, און אזוי אויך איז ביי אלע 'שומות בית דין', אלעס איז לויט די עולם הזה'דיג בליק וואס מיר לעבען דערין, אבער בעצם קענען צוויי מענטשען באשטעטיגען צווישען זיך אז יענער און יענער חפץ וואס איז ווערד ביי אלעמען נאר דריי - איז ביי זיי ווערד פינעף א.ד.ג., ווייל ס'איז נישט פארהאנען א אמת'ע פרייז, און דעריבער קען יעדער איינער באשטעטיגען א אנדערע ווערד - שוויות, וויבאלד אז די גאנצע ווערד פון גשמיות איז נישט די אמת'ע ווערד, א פאלטשע שוויות, ווייל אויב די שוויות פונעם עולם הזה וואלט געווען א אמת'ע ווערד, וואלט מען נישט געקענט זאגען 'לדידי שוה לי חמש סלעים', ווייל מען טאר דאך נישט ענדערען פונעם אמת, נאר געוויס אז אפילו אויב דער גאנצע וועלט רעכנט דאס פאר דריי - לג', אדער פאר הונדערט - למאה, אבער דער גאנצע וועלט האט דאך נישט קיין אמת'ע ממשות.

**און** מיט דעם איז פארשטענדליך דעם קשר צווישען ביידע פסוקים, אז דער טעם פונעם דין וואס שטייט ארויס געשריבען אינעם פסוק **'אך פדה תפדה'** - אז מ'קען זאגען לדידי שוה לי און אזוי וויא די הסבר פונעם שפתי צדיק,

איז צוליב 'אח לא פדה יפדה איש', און אזוי וויא ס'שטייט דארט אינעם המשך הפסוק 'אל תירא כי יעשיר איש כי ירבה כבוד ביתו, כי לא במותו יקח הכל לא ירד אחריו כבודו', ווייל דער גאנצע וועלט האט נישט קיין אמת'ע ווערד, און דער איינציגסטער אמת'ע ווערד וואס איז פארהאן אויף די וועלט איז דער שעה אחת של תשובה ומעשים טובים.

**און** דאס איז די ארבעט פון די טעג פון חודש תמוז, צו צוקומען צו א קלארע אנערקענונג אז דער גאנצע וועלט איז נישט מער וויא הבל הבלים, אזוי וויא ס'איז די צירוף פון חודש תמוז - דער שם הקדוש וואס גייט ארויס פונעם פסוק (אסתר ה, יג) 'וכל זה איננו שוה לי', לעבען אויף די וועלט מיט א שטענדיגע געפיהל אז 'כל זה איננו שוה לי'. און אזוי וויא ס'איז דער לשון פון חז"ל אנהייב מסכת דרך ארץ זוטא, אז א תלמיד חכם וואס איז א עניו א שפל און א ירא חטא זאגט 'כל מה שיש בעולם הזה אין לי חפץ בהם לפי שאין העולם הזה שלי', ווייל אלץ וואס א מענטש זאמעלט און קויפט איין גשמיות'דיגע נכסים - איז דאך 'לא ירד אחריו כבודו', ווייל ס'איז נישט זיין'ס [און על דרך צחות קען מען זאגען אז דעריבער האבען חז"ל געזאגט די מימרא פון 'כל העולם הזה אינו שלי', אנהייב מסכת דרך ארץ זוטא, ווייל געוויס ווייסט יעדער איינער דאס וואס שטייט אין מסכת אבות (פ"ד מט"ז) 'העולם הזה דומה לפרוזדור', אז דער וועלט איז נישט מער וויא א וועג און א דורכגאנג צו עולם העליון, אבער פונדעסטוועגען איז דער מענטש'ס געפיהל בשעת ער לעבט דא אויף די וועלט - 'דרך ארץ רבה', מיט דעם גאנצען ברייטקייט און ער איז איינגעזינקען אינעם גשמיות, אבער אין אמת'ן אריין דארף יעדער איד'ס געפיהל זיין 'דרך ארץ **זוטא**', צו מינערען וויא ווייט ס'איז מעגליך, פון צו האבען א שייכות צו גשמיות, און דעריבער האט מען דא געלערנט 'כל מה שיש בעולם הזה אין לי חפץ בהם לפי שאין העולם הזה שלי', ווייל דאס איז נישט די אמת'דיגע ווערד, אין לי חפץ בו - נישט דאס איז די אמת'ע רצון פון א אידישע זעהל].

**און** יעצט איז די צייט פאר די אלע וואס גייען נאך זייער יצר, און ווערען נאכגעשלעפט נאכ'ן גשמיות, זיך

**אומקערען בתשובה שלימה, זאגנען און פילען פון טיפעניש פון הארץ אז אלע חטאים 'איננו שוה לי'**, און אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (איוב לג, כז) '**חטאתי וישר העויתי ולא שוה לי**', אז בשעת דער מענטש איז זיך מתוודה און ער זאגט חטאתי וישר העויתי, דארף ער אנערקענען און גוט וויסען אז אלע הבלי העולם זענען בבחינת 'ולא שוה לי', און אזוי האט מען מתקן געווען צו זאגען ביי תחנון 'ולא שוה לנו', אריין קלערען און אריין באקען אין טיפעניש פון הארץ אז ס'איז בכלל נישט ווערד געווען דעם גאנצען חטא, און הלוואי אז עס וואלט בכלל נישט געווען (ועי' פני מנחם עשי"ת עמ' ריח).

**און** דאס איז דער ביאור אינעם מסורה וואס דער **בעל הטורים** ברענגט אין אונזער פרשה (טז, טו) **'אל תפן'** ג' במסורה, **'אל תפן אל מנחתם'**, **'אל תפן אל קשי העם הזה'** (עקב ט, כז), **'אל תפן אל און'** (איוב לו, כא), ווייל אזוי איז די סדר פונעם יצר הרע וואס קומט איבער רעדען א מענטש, אנהייב שלאגט ער אן פאר'ן מענטש אזעלעכע סארט זאכען וואס ערוועקען אין איהם א רצון, און ער פארבט די וועלט'ליכע זאכען מיט פארבען וואס בליטשקען און ציעהן אז ס'זאל אויסזעהן וויא דברים שיש בהם ממש, און אויפדעם שטייט **'אל תפן אל מנחתם'**, נישט ווערען איבער גערעדט פון זיין איינרעדעניש, ווייל דער אמת איז אז דער גאנצע וועלט מיט אלע אירע הנאות זענען הבל הבלים, ס'איז א עולם חולף וכזב שאין בו ממש. אבער אויב דער מענטש געבט נישט אכטונג אזוי וויא ס'דארף צו זיין, פון ווערען איינגעזינקען אין די דברי רשות, אויף איהם שטייט **'אל תפן אל און'**, ווייל דער סוף וועט זיין אז ער וועט צוקומען צו א 'און' - לרשעה, ווייל אזוי איז די שטייגער פונעם יצר הרע, ער הייבט אן מיט די דברי היתר, און דורכדעם ווערט ער נאכגעשלעפט צו אזעלעכע סארט זאכען וואס זענען נאנט צו היתר - א ספק אדער א זאך וואס איז ענדליך צו היתר, און פונדעם פאלט ער אראפ מטה מטה. און דערנאך וואס ער איז שוין פארכאפט געווארען אינעם נעץ פונעם יצר און ער איז שוין געשטרויכלט געווארען מיט א זינד - ונכשל באון, שפירט ער א שווערקייט אין תורה און תפלה, און ער שפירט נישט קיין טעם אין עבודת ה', ווייל

זיין הארץ איז געווארען א לב אבן און ער ווערט נאכגעשלעפט נאך פרעמדע אהבות, און מיט זיין טעות מיינט ער אז ס'קומט איהם נאך א באלוינונג אויף זיין פלאג און מיה וואס ער שטרענגט זיך אן און ער פלאגט זיך, אבער אין אמת'ן '**אל תפן** אל קשי העם הזה', ווייל זיינע אייגענע מעשים, זיי האבען גורם געווען אז ער זאל האבען א פארשטיינערטע הארץ - 'חטאתי וישר העויתי', און דער מענטש דארף אנערקענען אז ס'איז גארנישט דא קיין שום ממשות אין אלע איינרעדענישען פונעם יצר - 'ולא שוה לי'.

**ס'שטייט** (יח, כ) 'ויאמר ה' אל אהרן בארצם לא תנחל וחלק לא יהיה לך בתוכם אני חלקך ונחלתך בתוך בני ישראל', און לכאורה איז דער פסוק זיך סותר מרישא לסיפא - צו דען איז אהרן הכהן געווען אפגעשיידט - מובדל פון די אידען, אדער ער איז געווען צווישען זיי - בתוכם, ווייל אויב 'בארצם לא תנחל וחלק **לא יהיה לך בתוכם**', וואלט געדארפען שטיין 'אני חלקך ונחלתך' און נישט מער, פארוואס לייגט דער פסוק צו און זאגט '**בתוך בני ישראל**', וואס איז משמע אז אהרן האט יא חלק צווישען די אידען - בתוך בני ישראל.

**נאר** געוויס אוודאי איז אהרן הכהן נישט אפגעטיילט - מובדל פון כלל ישראל, ווייל אהרן הכהן איז 'אוהב את הבריות ומקרבן לתורה' (אבות פ"א מי"ב), און ער וואס האט גוט דערגרייכט און פארשטאנען אז דער גאנצע עולם הזה אינו שלי - בארצם לא תנחל וחלק לא יהיה לך בתוכם, האט נישט איבער געלאזט ביי זיך דעם וויסענשאפט און דעם געפיהל, נאר '**אני חלקך ונחלתך בתוך בני ישראל**', ער האט אויסגעלערנט דעם וויסענשאפט פאר די אידען, און ער האט אריינגעברענגט א רוח קדושה און א געדענקעניש פונעם אייבערשטען, אז אויך ווען זיי זענען באשעפטיגט אין עניני ארציות און גשמיות'דיגע זאכען, דארפען זיי וויסען 'אני חלקך ונחלתך', ווייל די נארישקייטען פון עולם הזה זענען נישט די אמת'דיגע נחלה.

**און** דערפאר שטייט 'פדה יפדה' ביי אהרן הכהן ע"ה, ווייל דאס איז די ארבעט פון אהרן צו צוהעלפען אידען ביים פדיון - דורכ'ן זאגען 'לדידי שוה לי', ד. ה. משפיע זיין און אריין ברענגען אין די אידישע הערצער זיי

צו צוברענגען צום פארשטאנד אז 'כל זה איננו שוה לי', וויבאלד אז דער וועלט איז נישט מיינער - אין העולם הזה שלי, און זיי אויס לערנען אז די אמת'ע ווערד איז תורה און מצוות.

**ס'איז** באוואוסט דאס וואס דער רמב"ם זאגט סוף הלכות שמיטה ויובל, אז נישט בלויז אויף שבט לוי שטייט 'אני חלקך ונחלתך', **'אלא כל איש ואיש מכל באי העולם אשר נדבה רוחו אותו והבינו מדעו להבדל לעמוד לפני ה' לשרתו ולעובדו לדעה את ה', והלך ישר כמו שעשהו האלקים ופרק מעל צוארו עול החשבונות הרבים'** וכו'. און מיר האבען שוין אמאהל מדייק געווען אינעם לשון הרמב"ם וואס שרייבט **'אשר נדבה רוחו אותו והבינו מדעו'**, וואס לכאורה איז דער סדר פארקערט, ווייל ערשט פארשטייט מען מיט'ן ויסענשאפט וואס ער האט צו טוהן אויף די וועלט - **'והבינו מדעו'** חובתו בעולם, און דורכדעם וועט זיין **'נדבה רוחו'** מקבל צו זיין א קבלה מעשית **'להבדל לעמוד לפני ה'**'.

**נאר** דער הסבר דערין איז, אז ס'איז נישט גענוג אז ס'זאל זיין **'הבינו מדעו'**, ווייל ס'איז מעגליך אז דער מענטש זאל גוט פארשטיין מיט זיין פארשטאנד אז דער גאנצע עולם הזה איז נישט זיינ'ס, און פונדעסטוועגען איז ער איינגעזינקען אין גשמיות, און נאר אויב ס'וועט זיין **'נדבה רוחו'** אין זיין הארץ, מיט אן אמת'ע און פעסטע התעוררות, מרדות אחת בלבו של אדם, אפצולאזען אלע הבלי עולם הזה, נאר דעמאלט וועט העלפען דאס וואס **'הבינו מדעו'** - אז ער זאל קענען לעבן מיט דאס געפיהל פון 'אני חלקך ונחלתך'. און יעצט בשעת רעוא דרעוין איז דער צייט זיך צו ערוועקען, אנטפלעקען דעם רצון און דער אמת'ע פונטעל פון דאס אידישע זעהל, וואס ער וויל באמת, און וואס ער זיכט מיט זיין לעבען אויף די וועלט.

**עס** איז טאקע ריכטיג, אז דער רמב"ם רעדט וועגען איינער 'שפרק מעל צוארו עול חשבונות הרבים' וכו', די וואס זענען מקדיש זייער לעבען נאר פאר תורה און עבודה, אבער **'אני חלקך ונחלתך בתוך בני ישראל'** איז געזאגט געווארען פאר יעדער איינער און איינער פון די אידישע קינדער, יעדער איינער לויט זיין מדריגה, אויך ווען מ'געפינט זיך אין עולם הזה

- געדענקען אז דאס איז נישט דער עיקר, **און וויסען אז דער עיקר איז לימוד התורה און תפילה, האבען א שייכות מיט'ן רבונו של עולם,** געדענקען אז 'אני חלקך ונחלתך'.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען אז מיר זאלען זוכה זיין צו דינען דעם רבונו של עולם אזוי וויא עס דארף צו זיין, און געדענקען דעם אמת'ע שייכות, און דער אמת'ע ווערד - השוויות האמיתית - אז ס'זאל זיין 'כל זה שוה לי' אין תורה און אין מצוות, און דער אייבערשטער זאל אונז באלייכטען דעם וועג.